# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................5:37
מוצאי שב"ק......................7:09

**שיעורים כסדרן**
נ"ך............ דברי הימים ב ט – י
בבלי.................... בבא מציעא י'
ירושלמי..................... שבת פ"ז
תוספתא........................ נדרים ד'
רמב"ם................. שבועות י'


פרשת ויקהל, שבת שקלים, מברכים חודש אדר ב', כ"ט אדר-א', שנת תשפ"ד לפ"ק — שנה 13, גליון 23 (642)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

כָּל אֲשֶׁר נָתַן ה' חָכְמָה בָּהֵמָּה. בִּפְשָׁטוּת טַייטְשְׁט דָאס וָוארְט 'בָּהֵמָּה' - אִין זֵיי, אָבֶּער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט גָאר שֵׁיין אוֹיס דֶעם פָּסוּק (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן טו), אַז דָאס וָוארְט 'בְּהֵמָה' מֵיינְט טַאקֶע פָּשׁוּט אַ בְּהֵמָה, אוּן עֶס אִיז אַ חָכְמָה צוּ זַיין אַזוֹי וִוי אַ בְּהֵמָה, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (חֻלִּין ה:) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים לו, ז): "אָדָם וּבְהֵמָה תּוֹשִׁיעַ ה'", אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען זֵייעֶר קְלוּג, אוּן זֵיי מַאכְן זִיךְ וִוי אַ בְּהֵמָה, זֵיי טוּעֶן דֶעם ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן קַיין חָכְמוֹת. אוּן אַזוֹי וִוי אָסָף בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (שָׁם עג, כב): "וַאֲנִי בַעַר וְלֹא אֵדָע בְּהֵמוֹת הָיִיתִי עִמָּךְ", זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגָה אִיז, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ פִירְן פָּשׁוּט בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת.

וָואס מֵיינְט 'זַיין אַזוֹי וִוי אַ בְּהֵמָה?' דָאס מֵיינְט זִיךְ צוּ פִירְן פָּשׁוּט בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת; אִיךְ לֵייג אַוֶועק אַלֶע מַיינֶע חָכְמוֹת, אִיךְ לֵייג אַוֶועק מַיין גַאנְצֶע שֵׂכֶל אוּן אִיךְ טוּ וָואס אִיךְ דַארְף צוּ טוּן, וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעזָאגְט.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע הָאט גֶעזָאגְט: "**נָאךְ אַלֶע מַיינֶע חָכְמוֹת, נָאךְ אַלֶע מַיינֶע כַּוָּנוֹת, לֵייג אִיךְ אַלֶעס אַוֶועק, אִיךְ בִּין אַ נַאר אוּן גְלֵייבּ**"; צַדִּיקִים זֶענֶען אִין דִי עוֹלָמוֹת הָעֶלְיוֹנִים, מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה וִוי גְרוֹיס צַדִּיקִים זֶענֶען, מִיר וֵוייסְן אֲפִילוּ נִישְׁט וָואס מִיר וֵוייסְן נִישְׁט, פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע גֶעזָאגְט, וֶוען עֶס קוּמְט צוּם דַאוֶוענֶען לֵייגְט עֶר אַוֶועק אַלֶע זַיינֶע חָכְמוֹת. דָאס אִיז מַמָּשׁ דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט דָא, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זַיין אַזוֹי וִוי אַ בְּהֵמָה, זִיךְ פִירְן פָּשׁוּט בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת.

אַלֶע הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים וּבְתוֹכָם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, הָאבְּן זֵייעֶר אָנְגֶעזָאגְט מֶען זָאלְן נִישְׁט לֶערְנֶען קַיין 'סִפְרֵי חֲקִירָה'; מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּן סִפְרֵי אַפִּיקוֹרְסוּת רַחֲמָנָא לִצְלָן, נָאר אֲפִילוּ סְפָרִים פוּן הֵיילִיגֶע רִאשׁוֹנִים וִוי דֶער סֵפֶר 'מוֹרֶה נְבוּכִים', פוּנֶעם הֵיילִיגְן רַמְבַּ"ם, הָאט דֶער רֶבִּי זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען נִישְׁט צוּ לֶערְנֶען (עַיֵּין חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תז, תח, תט). פַארְוָואס? וַוייל מִיט חֲקִירוֹת קֶען מֶען נִישְׁט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר אַז מֶען אִיז אַ נַאר, מֶען לֵייגְט אַוֶועק דִי שֵׂכֶל אוּן חָכְמוֹת, אוּן מֶען 'גְלֵייבְּט' אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאצָאלְט גוּטְס פַאר וֶוער עֶס הִיט דִי תּוֹרָה אוּן בַּאשְׁטְרָאפְט וֶוער עֶס הַאלְט נִישְׁט דִי תּוֹרָה - קֶען מֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן יב), דֶער עִיקָּר פוּן אִידִישְׁקֵייט אִיז, מֶען זָאל פָאלְגְן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת. עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סְפָרִים הַקְּדוֹשִׁים (עַיֵּין סֵפֶר אוֹר הַחַיִּים, מֵאֵת רֶבִּי יוֹסֵף יַעְבֵּ"ץ, פֶּרֶק ב), אַז אִין דִי צַייטְן וָואס דִי גוֹיִם הָאבְּן גֶעמַאכְט גְזֵירוֹת אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, הָאט מֶען גֶעזֶען דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען נָאךְ זֵייעֶרֶע חָכְמוֹת זֶענֶען נֶעבֶּעךְ אַוֶועק גֶעפַאלְן פוּן אִידִישְׁקֵייט אוּן עֶס אִיז גָארְנִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן פוּן זֵיי, נָאר דִי וָואס הָאבְּן גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אִין פֵייעֶר מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ, אוּן בַּיי זֵיי אִיז גֶעבְּלִיבְּן אִידִישְׁקֵייט.

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט אַז פוּן רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז מַשְׁמַע אַז 'מִלְחֶמֶת גּוֹג וּמָגוֹג' וֶועט נִישְׁט זַיין קַיין מִלְחָמָה מִיט טַאנְקֶען אוּן בָּאמְבֶּעס, נָאר דֶער מִלְחָמָה וֶועט זִיךְ אָפְּטוּן בַּיי יֶעדְן אִיד אִין מֹחַ, דָאס וֶועט זַיין אַ שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע מִלְחָמָה, אֵיין מִינוּט וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְטְן: 'עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער', נָאכְדֶעם וֶועט עֶר הָאבְּן אַ קַשְׁיָא אוֹיף דִי אֱמוּנָה; אַ מִלְחָמָה וָואס דְרֵיידְט זִיךְ אִין קָאפּ, מֶען טְרַאכְט: 'זָאל אִיךְ בְּלַייבְּן בַּיי אִידִישְׁקֵייט אָדֶער נִישְׁט', 'זָאל אִיךְ בְּלַייבְּן מִיט מַיין

<<<<<<

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### שַׁבָּת שְׁקָלִים

עֶס שְׁפִּירְט זִיךְ שׁוֹין דִי פְרֵיילִיכְקֵייט אִין דִי לוּפְטְן, מֶען גֵייט שׁוֹין בֶּענְטְשְׁן דֶעם צְוֵוייטְן חוֹדֶשׁ אָדָר, אוּן עֶס קוּמְט שׁוֹין דִי לִיכְטִיגֶע פִיר פַּרְשִׁיּוֹת, אַ צַייט וֶוען יֶעדֶער אִיד קֶען זוֹכֶה זַיין נָאנְט צוּ וֶוערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' פִּנְחָס'ל קָארִיצֶער זי"ע הָאט זִיךְ אַמָאל אוֹיסְגֶעדְרוּקְט, "אִיךְ וָואלְט גֶערְן שׁוֹין גֶעוָואלְט קוּמֶען צוּ דִי ד' פַּרְשִׁיּוֹת, אִיךְ זָאל זִיךְ זֶען מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן", דוּרְךְ דֶעם וָואס הֶערְט דָאס לֵיינֶען פוּן דִי פִיר פַּרְשִׁיּוֹת, בַּאקוּמְט מֶען אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע נָאנְטְקֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

צוּם עֶרְשְׁט הוֹיבְּט מֶען אָן מִיט "פַּרְשַׁת שְׁקָלִים". דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ד'), וֶוען אַ אִיד גֶעבְּט צְדָקָה, עֶפֶענְט אִים דָאס אוֹיף דִי טִיר צוּצוּקוּמֶען צוּ אַלֶע עֲבוֹדַת ה', דָאס מַאכְט אִים פְרֵיי דִי וֶועג אַז עֶר זָאל קֶענֶען אָנְהוֹיבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, חֲזַ"ל זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא י'.) רַבִּי אֶלְעָזָר הָאט גֶעגֶעבְּן

<<<<<<

## א גוט ווארט

וָואס דוּ דַארְפְסְט זָאלְסְטוּ בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; פָאלְג דֶעם רֶבִּי'ן, פַארְצֵייל פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר אוּן רֶעד צוּ אִים אוֹיף דִי שְׁפְּרַאךְ וָואס דוּ בִּיסְט צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן, וֶועסְטוּ זִיכֶער זֶען בְּקָרוֹב דַיין יְשׁוּעָה.

אַנְשְׁטָאט טַעֲנָה'ן אוּן פִירְן וִויכּוּחִים וְכוּ' וְכוּ' בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג וֶועסְטוּ זֶען אַ נֵס. רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט: "וּבְחָנוּנִי נָא בָּזֹאת, אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ וֶועט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעטְן אוֹיף אַ זַאךְ פֶערְצִיג טֶעג, וֶועט עֶר עֶס זִיכֶער בַּאקוּמֶען".

גֶעבּ אַכְטוּנְג זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְצוּרֶעגְן אוּם שַׁבָּת; דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (תִּקּוּנֵי זוֹהַר, תִּיקּוּן מח): אוֹיפְן פָּסוּק (שְׁמוֹת לה, ג): "לֹא תְבַעֲרוּ אֵשׁ בְּכֹל מֹשְׁבֹתֵיכֶם בְּיוֹם הַשַּׁבָּת", עֶר לֵייגְט צוּ אֵיין וָוארְט "לֹא תְבַעֲרוּ אֵשׁ **'הַכַּעַס'** בְּיוֹם הַשַּׁבָּת"; אַ גַאנְצֶע וָואךְ דַארְף מֶען אוֹיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ וֶוערְן אִין כַּעַס, אָבֶּער שַׁבָּת דַארְף מֶען נָאךְ מֶער אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ זַיין אִין כַּעַס אוּן זֶען אַז עֶס זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ אִין שְׁטוּב.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה יִתְרוֹ, תשע"ט)



דער מולד וועט זיין: זונטאג צופרי 13 מינוט און 6 חלקים נאך 10 | ראש חודש אדר השני יהיה ביום הראשון ולמחרתו ביום השני

אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# דֶער רֶבִּי גֶעבְּט שֵׂכֶל וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן אַ שֵׁיין לֶעבְּן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ ג' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, כ"א אָדָר א', שְׁנַת תשע"ט

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ אַז מִיר הָאבְּן דֶעם רֶבִּי'ן וָואס וַוייזְט אוּנְז דֶעם רִיכְטִיגְן וֶועג וִוי זִיךְ צוּ פִירְן. אֲפִילוּ אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קֵיין שֵׂכֶל אוּן פַארְשְׁטַאנְד - אוֹיבּ פָאלְגְט עֶר דֶעם רֶבִּי'ן אוּן עֶר נֶעמְט דֶעם רֶבִּי'ן פַאר זַיין וֶועג וַוייזֶער וֶועט עֶר מַצְלִיחַ זַיין אוּן הָאבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן סז): "כִּי עִקַּר שִׁגָּעוֹן שֶׁל כָּל הַמְשֻׁגָּעִים הוּא רַק מֵחֲמַת שֶׁהוּא אֵינוֹ מְצַיֵּת וְשׁוֹמֵעַ לְדִבְרֵי הַבַּעֲלֵי שֵׂכֶל", פַארְוָואס וֶוערְט אַ מֶענְטְשׁ מְשׁוּגָע? וַוייל עֶר פָאלְגְט נִישְׁט אַן אֶמֶתְ'ן חָכָם אוּן אַן אֶמֶתְ'ן צַדִּיק, "כִּי הַמְשֻׁגָּע - אִם הָיָה שׁוֹמֵעַ וְצַיָּת לְדִבְרֵי אֲחֵרִים שֶׁהֵם הַבַּעֲלֵי שֵׂכֶל, בְּוַדַּאי לֹא הָיָה מְשֻׁגָּע כְּלָל", וַוייל וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וָואס אִיז פוּל מִיט מְשֻׁגַּעַת'ן - אוֹיבּ וָואלְט עֶר גֶעפָאלְגְט אַ חָכָם וָואלְט עֶר גֶעוָוארְן אוֹיס מְשׁוּגָע.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז מְשׁוּגָע - אוּן אִיךְ אוֹיךְ, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט אַ קְלָארְן"; מֵיינֶענְדִיג צוּ זָאגְן אַז עֶר הָאט גֶעקֶענְט דֶעם רֶבִּי'ן אוּן אִים גֵייט עֶר נָאךְ אוּן אִים פָאלְגְט עֶר. נָאךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אִיךְ בִּין צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַ נַנָּס (אַ קְלֵיינְטְשִׁיגֶער מֶענְטְשׁ) וָואס זִיצְט אוֹיף דִי פְּלֵייצֶע פוּן אַ גְרוֹיסְן מֶענְטְשׁ"; דָאס הֵייסְט, וִוי קְלֵיין דֶער מֶענְטְשׁ זָאל נָאר זַיין אוּן וִוי נַארִישׁ מֶען זָאל נָאר זַיין, אוֹיבּ מֶען נֶעמְט דֶעם רֶבִּי'ן אוּן מֶען פָאלְגְ אִים הָאט מֶען אַ גוּט לֶעבְּן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר גֶעבּ אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ הָאבְּן אִין זִיךְ דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה פוּן קַמְצָנוּת; גֶעלְט אִיז גֶעמַאכְט צוּ נוּצְן, אַז דַיין וַוייבּ דַארְף עֶפֶּעס הָאבְּן אִין שְׁטוּבּ גֶעבּ אִיר גֶעלְט. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן סט): "כִּי עִקַּר הָעֲשִׁירוּת עַל יְדֵי הָאִשָּׁה", דִי גַאנְצֶע גֶעלְט קוּמְט נָאר בִּזְכוּת דֶעם וָואס מֶען אִיז מְכַבֵּד דִי וַוייבּ; דֶערְפַאר, אַז דוּ וֶועסְט מְכַבֵּד זַיין דַיין וַוייבּ וֶועסְטוּ הָאבְּן גְּרוֹיס שֶׁפַע.

דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (תִּיקוּנֵי זוֹהַר, הַקְדָּמָה ב.): "קַמְצָן נָבָל בְּמָמוֹנֵיהּ, דְּלָאו אִיהוּ נָדִיב וְלָאו אִיהוּ מִזַּרְעָא דְּאַבְרָהָם", אַ קַמְצָן אִיז אַ נָבָל, אוּן דָאס אִיז אַ סִימָן אַז עֶר שְׁטַאמְט נִישְׁט פוּן אִידְן רַחֲמָנָא לִצְלָן; זַיין קַארְג אִיז נִישְׁט אַ אִידִישֶׁע סִימָן.

אַנְשְׁטָאט דוּ זָאלְסְט זִיךְ אַהֶער שְׁטֶעלְן צְוִוישְׁן חֲבֵרִים וִוי אַ מֶענְטְשׁ מִיט אַ בְּרֵייטֶע הַארְץ זָאלְסְטוּ עֶפֶענֶען דַיין הַארְץ פַאר דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער; פוּן אִינְדְרוֹיסְן קֶען מֶען גָארְנִישְׁט זֶען, עֶס קֶען זִיךְ דַאכְטְן אַמָאל אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ אַז עֶר אִיז אַ ווַאוֹילֶער מֶענְטְשׁ, נָאכְדֶעם וָואס עֶר אִיז מְנַדֵּב וְכוּ', עֶר קוֹיפְט עֲלִיּוֹת, עֶר שְׁנָאדֶערְט וְכוּ', אָבֶּער אִין שְׁטוּבּ אִיז עֶר אַ פָּשׁוּטֶ'ער רוֹצֵחַ, עֶר פַּייְנִיגְט זַיין וַוייבּ אוּן צַאפְּט אִיר דָאס בְּלוּט וֶוען זִי בֶּעט אִים אַפָּאר דָאלֶער, עֶר לָאזְט אִיר נִישְׁט נֶעמֶען אַ הֶעלְפֶּעְר'ן צוּ רוֹימֶען דִי שְׁטוּבּ אוּן עֶר לָאזְט אִיר נִישְׁט קוֹיפְן וְכוּ', בִּשְׁעַת וָואס פַאר זִיךְ פַּאטְשְׁקֶעט עֶר גֶעלְט; עֶר רֵייכֶערְט צִיגָרֶעטְלֶעך וִוי אַ קוֹימֶען, קוֹיפְט אוּן טְרִינְקְט אַלְקָאהָאל וְכוּ'.

זַיי גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיַּקְהֵל, תשע"ט)

מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט <<<<<<

אַ פְּרוּטָה פַאר צְדָקָה פַאר עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט דַאוֶוענֶען, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים י"ז, ט"ו), אֲנִי בְּצֶדֶק אֶחֱזֶה פָּנֶיךָ, אוּן אַזוֹי וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (יוֹרֶה דֵעָה, סִימָן רמ"ט, סָעִיף י"ד) אַז מֶען זָאל גֶעבְּן צְדָקָה פַארְ'ן דַאוֶוענֶען. דֶערִיבֶּער אִיז דִי פַּרְשָׁה פוּן שְׁקָלִים - וָואס דָאס וַוייזְט אוֹיף צְדָקָה - גֶעשְׁטֶעלְט גֶעוָוארְן דִי עֶרְשְׁטֶע וַוייל מִיט דֶעם הֵייבְּט זִיךְ אַלֶעס אָן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צְדָקָה, חֵלֶק ב', סִימָן י"ט) "עַל יְדֵי נְתִינַת שְׁקָלִים נִיצּוֹל מִיֵּצֶר הָרָע" - דוּרְכְ'ן גֶעבְּן שְׁקָלִים, וֶוערְט מֶען גֶערַאטֶעוֶועט פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע; דָאס אִיז סֵיי דָאס הֶערְן דִי פַּרְשָׁה פוּן שְׁקָלִים, וֶוען מֶען הֶערְט עֶס אִיז עֶס אַזוֹי וִוי מֶען וָואלְט גֶעגֶעבְּן דִי שְׁקָלִים. אוּן אוֹיךְ טַאקֶע צוּ גֶעבְּן צְדָקָה, וֶוען מֶען גֶעבְּט צְדָקָה וֶוערְט מֶען נִיצּוֹל פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע, נִישְׁט אַרַיין צוּ פַאלְן אִין זַיין נֶעץ.

סְפֶּעצִיעֶל וֶוען מֶען גֶעבְּט צְדָקָה צוּ דְרוּקְן סְפָרִים וָואס זֶענֶען מְקָרֵב אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן אִיז עֶס מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה, אַז מֶען הֶעלְפְּט אַנְדֶערֶע אִידְן נִיצּוֹל צוּ וֶוערְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע, אִין דֶעם זְכוּת הֶעלְפְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מֶען וֶוערְט אוֹיךְ נִיצּוֹל פוּן אִים.

## נָאר אַ הַאלְבֶּע

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן מִיר זָאלְן גֶעבְּן אַ "מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל", נָאר אַ הַאלְבֶּע שֶׁקֶל, דָאס קוּמְט אוּנְז וַוייזְן אַז אַ מֶענְטְשׁ אַלֵיין אִיז נָאר אַ הַאלְבֶּע זַאךְ, אַ מֶענְטְשׁ קֶען גָארְנִישְׁט אַלֵיין טוּן, מֶען מוּז צוּקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. חֲזַ"ל זָאגְן (קִידּוּשִׁין ל':) "אִלְמָלֵא הַקָּבָּ"ה עוֹזְרוֹ לֹא יָכוֹל לוֹ", אַ מֶענְטְשׁ אַלֵיין קֶען זִיךְ נִישְׁט קֶעגְן שְׁטֶעלְן דֶעם יֵצֶר הָרָע, עֶר מוּז צוּקוּמֶען צוּ דִי הִילְף פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז עֶר אַלֵיין אִיז נָאר הַאלְבּ אוּן עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל אִים הֶעלְפְן, דַאן וֶוערְט עֶר אַ גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ, עֶר קֶען מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן.

מִיט דֶעם קֶען מֶען פַארְשְׁטֵיין וָואס חֲזַ"ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי שְׁקָלִים, פֶּרֶק א', הֲלָכָה ג') "זֶה יִתְּנוּ כָּל הָעוֹבֵר עַל הַפְּקוּדִים - כָּל דְּעָבַר בְּיַמָּא יִתֵּן", דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען דֶעם יַם סוּף זָאל גֶעבְּן אַ מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל. וָואסֶערֶע שַׁייְכוּת הָאט דָאס גֶעבְּן מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל מִיטְ'ן אַרִיבֶּער גֵיין דֶעם יַם סוּף? נָאר דָארְט בַּיים יַם סוּף הָאבְּן אַלֶע אִידְן קְלָאר גֶעזֶען אַז זֵיי קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט אַלֵיין אַן עֵצָה גֶעבְּן, זֵיי מוּזְן צוּקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט דֶעם יַם פוּן פָארְנְט, דִי מִצְרִיִּים פוּן אוּנְטְן, אוּן חַיּוֹת רָעוֹת בַּיי דִי זַייטְן, אוּן דַאן הָאבְּן זֵיי אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן דִי אוֹיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֶעעֶנְדִיג אַז נָאר עֶר קֶען זֵיי הֶעלְפְן, אוּן עֶר הָאט זֵיי טַאקֶע גֶעהָאלְפְן. אוּן דָאס וַוייזְט אוֹיךְ דֶער מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל, אַז אַ מֶענְטְשׁ אַלֵיין אִיז נָאר הַאלְבּ, עֶר מוּז צוּקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל הֶעלְפְן.

יֶעדֶער מֶענְטְשׁ דַארְף דָאךְ צוּקוּמֶען צוּ נִיסִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי קְרִיעַת יַם סוּף. חֲזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה ב'.) "קָשֶׁה זִוּוּגוֹ שֶׁל אָדָם כִּקְרִיעַת יַם סוּף", אוּן אוֹיךְ (פְּסָחִים קי"ח.) "קָשֶׁה פַּרְנָסָתוֹ שֶׁל אָדָם כִּקְרִיעַת יַם סוּף", שִׁידוּכִים אוּן פַּרְנָסָה אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער וִוי קְרִיעַת יַם סוּף, קוּמְט אוֹיס אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ דַארְף הָאבְּן גְרוֹיסֶע נִיסִים אַזוֹי וִוי קְרִיעַת יַם סוּף, צוּ קֶענֶען אָנְגֵיין אִין לֶעבְּן.

אוֹיךְ וַוייזְט אוּנְז דֶער הַאלְבֶּער שֶׁקֶל אַז מִיר דַארְפְן לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם וְשַׁלְוָה מִיט אַנְדֶערֶע אִידְן, אַ אִיד פַאר זִיךְ אַלֵיין אִיז נָאר אַ הַאלְבֶּער, אוּן מִיט דֶעם וָואס מֶען שְׁטֶעלְט זִיךְ צוּזַאם מִיט נָאךְ אִידְן, וֶוערְט מֶען אַ גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ.

הָמָן הָאט גֶעזָאגְט פַאר אַחַשְׁוֵרוֹשׁ (אֶסְתֵּר ג', ח') "יֶשְׁנוֹ עַם אֶחָד מְפֻזָּר וּמְפֹרָד" - עֶר הָאט גֶערֶעדְט לָשׁוֹן הָרָע אוֹיף דִי אִידְן אַז זֵיי הַאלְטְן זִיךְ נִישְׁט אִינְאֵיינֶעם מִיט אַחְדוּת, זֵיי קְרִיגְן זִיךְ צְווִישְׁן זִיךְ, אוּן דֶערִיבֶּער קֶען קוּמֶען אוֹיף זֵיי אַלֶע צָרוֹת. אוּן כְּדֵי דָאס צוּ פַארֶרעכְטְן הָאט אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה גֶעזָאגְט (שָׁם ד', ט"ז) "לֵךְ כְּנוֹס אֶת כָּל הַיְּהוּדִים" - אִידְן זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף דֶעם, זֵיי זָאלְן זִיךְ הַאלְטְן בְּשָׁלוֹם, זֵיי זָאלְן זִיךְ הַאלְטְן בְּאַחְדוּת, אוּן דָאס וֶועט זֵיי בְּרֶענְגֶען אַלֶע יְשׁוּעוֹת.

<<<<<< מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

דָאס הוֹיבְּט זִיךְ אָן אִינְדֶערְהֵיים, מֶען דַארְף זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען מִיט דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, לִיבּ הָאבְּן דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אוּן זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן אִין שְׁטוּבּ. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין שָׁלוֹם בַּיִת אִיז עֶר נִישְׁט קַיין גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ, זַיין מֹחַ אִיז אִים צֶעמִישְׁט אוּן צֶעפְלוֹיגְן, אוּן עֶר קֶען נִישְׁט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיךְ לֶעבְּן. וֶוען מֶען בֵּייגְט זִיךְ אָבֶּער אַרָאפּ דֶעם קָאפּ, מֶען וֵוייסְט אַז אַלֵיין אִיז מֶען נָאר אַ הַאלְבֶּער מֶענְטְשׁ, מֶען דַארְף זִיךְ הַאלְטְן אִינְאֵיינֶעם מִיט דִי וַוייבּ אוּן נָאר אַזוֹי וֶוערְט מֶען אַן "אָדָם הַשָּׁלֵם" - אַ גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ, דַאן קֶען מֶען הָאבְּן אַ פְרֵיילִיךְ לֶעבְּן.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ מִיט זִיךְ אַלֵיין. דִי נְשָׁמָה פוּן יֶעדְן אִיד אִיז אַ "חֵלֶק אֱלֹקֵי מִמַּעַל" - אַ חֵלֶק פוּן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער אַלֵיין. וֶוען אַ אִיד טֵיילְט זִיךְ אָפּ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פַאלְט דוּרְךְ אִין עֲבֵירוֹת, דַאן בְּלַייבְּט עֶר נָאר מִיט אַ הַאלְבֶּע נְשָׁמָה. דִי אַרְבֶּעט פוּן אַ אִיד אִיז זִיךְ צוּרִיק צוּ קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ בַּאהֶעפְטְן זַיין נְשָׁמָה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַאן וֶועט עֶר זַיין אַ גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ, אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם אִיז נָאר דוּרְכְ'ן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בַּיים לֵיינֶען דִי פַּרְשַׁת שְׁקָלִים, דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ, מֶען זָאל זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זָאל זִיךְ הַאלְטְן נָאנְט אוּן בְּאַחְדוּת מִיט אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן מֶען זָאל הָאבְּן אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת.

## סְגוּלוֹת פוּן פַּרְשַׁת שְׁקָלִים

אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע סְגוּלָה אִיז דָא בַּיים לֵיינֶען פַּרְשַׁת שְׁקָלִים, צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶע תְּפִלּוֹת וָואס מֶען בֶּעט אַ גַאנְץ יָאר זָאל נִתְקַבֵּל וֶוערְן לְרַחֲמִים וּלְרָצוֹן, עֶס זָאל גְרִינְג וֶוערְן אָנְגֶענוּמֶען.

דִי שְׁקָלִים הָאט מֶען גֶענוּצְט צוּ קוֹיפְן דֶעם קָרְבַּן תָּמִיד, אוּן דִי תְּפִלּוֹת הָאט מֶען מְתַקֵּן גֶעוֶוען אַקֶעגְן דִי קָרְבַּן תָּמִיד, אוּן דֶערִיבֶּער אִיז יֶעצְט - וֶוען מֶען לֵיינְט פַּרְשַׁת שְׁקָלִים - דִי רִיכְטִיגֶע צַייט צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶע תְּפִלּוֹת פוּן דִי גַאנְצֶע יָאר זָאלְן גְרִינְג נִתְקַבֵּל וֶוערְן, מֶען זָאל פּוֹעֶלְ'ן אַלֶעס גוּטְס.

אוֹיךְ אִיז יֶעצְט דִי צַייט צוּ בֶּעטְן אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן מְקוּרָב צוּ אַן אֱמֶתְ'ן צַדִּיק וָואס קֶען מְקָרֵב זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

חֲזַ"ל זָאגְן (תַּנְחוּמָא תִּשָּׂא ג') אוֹיפְן פָּסוּק "כִּי תִשָּׂא אֶת רֹאשׁ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אַז יֶעדֶעס יָאר וֶוען דִי אִידְן וֶועלְן לֵיינֶען דִי פַּרְשָׁה פוּן שְׁקָלִים וֶועט עֶר אַלֵיין דָארְט זַיין אוּן אוֹיפְהֵייבְּן זֵייעֶרֶע קֶעפּ. מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעוֶוען דֶער צַדִּיק אֱמֶת וָואס הָאט גֶעהָאלְפְן אוּן אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן דָאס אִיז אוֹיךְ דָא אִין יֶעדֶע דוֹר, צַדִּיקִים וָואס הֵייבְּן אוֹיף דִי קֶעפּ פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קי"ב), עֶס אִיז דָא צְוֵויי סָארְט רֶבִּי'ס. אֵיין רֶבִּי אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן דֶעם פָּסוּק (שְׁמוֹת ל', י"ב) "כִּי תִשָּׂא אֶת רֹ'אשׁ בְּ'נֵי יִ'שְׂרָאֵל", אַ רֶבִּי וָואס הֵייבְּט אוֹיף דִי קֶעפּ פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים, עֶר אִיז זֵיי מְחַזֵּק אוּן שְׁטַארְקְט זֵיי אַז זֵיי זָאלְן קֵיינְמָאל נִישְׁט אַוֶועק גֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן דֶער צְוֵוייטֶער רֶבִּי אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּנֶעם פָּסוּק (שְׁמוּאֵל-א ב', ט') "רְ'שָׁעִים בַּ'חֹשֶׁךְ יִ'דָּמּוּ", דִי מֶענְטְשְׁן וָואס דְרֵייעֶן זִיךְ בַּיי אַזַא רֶבִּי בַּאקוּמֶען גָארְנִישְׁט פוּן אִים, זֵיי בְּלַייבְּן מִיט זֵייעֶר רִשְׁעוּת, דִמְיוֹנוֹת אוּן זֵייעֶר חַשְׁכוּת. דֶערְפַאר יֶעצְט וֶוען מֶען לֵיינְט דִי פַּרְשָׁה פוּן שְׁקָלִים אִיז דִי צַייט צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זוֹכֶה צוּ זַיין צוּ הָאבְּן אַ גוּטֶע רֶבִּי וָואס וֶועט אוֹיפְהֵייבְּן דִי קֶעפּ פוּן אִידְן אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג.

וֶוען מִיר הֶערְן דִי וָואךְ דָאס לֵיינֶען פוּן פַּרְשַׁת שְׁקָלִים, לָאמִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ דִי אַלֶע שֵׁיינֶע זַאכְן, מִיר זָאלְן גֶעבְּן צְדָקָה אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע פְלֶעצֶער, מִיר זָאלְן גֶעדֶענְקֶען אַז מִיר זֶענֶען נָאר הַאלְבּ, מִיר מוּזְן צוּקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מִיר מוּזְן לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם מִיט אַנְדֶערֶע אִידְן, לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי פַאמִילְיֶע, זוֹכֶה זַיין צוּ בֶּעטְן אַלֶעס נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אוּנְזֶערֶע תְּפִלּוֹת זָאלְן נִתְקַבֵּל וֶוערְן לְרַחֲמִים וְרָצוֹן, אוּן זִיךְ דְרֵייעֶן נָאר בַּיי עֶרְלִיכֶע אִידְן וָואס קֶענֶען אוֹיפְהוֹיבְּן אוּנְזֶערֶע קֶעפּ, וָואס קֶענֶען אוּנְז אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן אַלֶעס שְׁלֶעכְטְס, אוּן אוּנְז דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש אַרְבַּע פַּרְשִׁיּוֹת וְשַׁבָּת שְׁקָלִים)

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# וָואס טוּט מֶען אַז מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?



***שְׁאֵלָה:***

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס הַאלְט מִיר בַּיי אִידִישְׁקֵייט אוּן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז נָאר דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע אוּן בִּיטֶערֶע לֶעבְּן, אִיךְ בִּין פוּל מִיט יִסּוּרִים אוּן דֶעפְּרֶעסְיֶע כְּסֵדֶר, אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין שוּם גֶעפִיל צוּ לֶעבְּן, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פַארְוָואס אִיךְ לֶעבּ, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פַארְוָואס אִיךְ בִּין גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, פַארְוָואס בִּין אִיךְ אַרָאפְּגֶעקוּמֶען דָא זִיךְ צוּ מוּטְשֶׁען מִיט אַזוֹיפִיל צָרוֹת אוּן יִסּוּרִים?

פַארְוָואס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיךְ אַזוֹי פַארְלֵייגְט אוֹיף מִיר? אִין דִי מַצָּב אִין וָואס אִיךְ בִּין, וִוי אַזוֹי וֶועל אִיךְ קֶענֶען חֲתוּנָה הָאבְּן? וִוי אַזוֹי וֶועל אִיךְ קֶענֶען מְחַנֵּךְ זַיין קִינְדֶער? אִין דִי צַייט וָואס אִיךְ בִּין אַזוֹי דֶעפְּרֶעסְט, אִיךְ בִּין אַזוֹי פִיל מִיט נֶעגֶעטִיוְוע גֶעפִילְן.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר וָוארְשֵׁיינְלִיךְ עֶנְטְפֶערְן צוּ מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת, צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער דֶער יֵצֶר הָרַע לָאזְט מִיר נִישְׁט אָפּ, אִיךְ קֶען מַמָּשׁ נִישְׁט עֶפֶענֶען דָאס מוֹיל אוּן אַרוֹיסְרֶעדְן אֲפִילוּ אֵיין אוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען אִיךְ וִויל אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוער אִיךְ מַמָּשׁ שְׁטוּם, דִי מוֹיל אִיז מִיר פַארְקְלֶעבְּט.

בִּיטֶע הֶעלְפְּט מִיר.

א גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ

***תְּשׁוּבָה:***

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ה' פָּרָשַׁת וַיַּקְהֵל, כ"ג אָדָר א', שְׁנַת תשע"ט

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק זִיךְ אִיר זָאלְט אַרַיין נֶעמֶען אִין זִיךְ דִי אֱמוּנָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, דוּרְכְדֶעם וֶועט אַייךְ בֶּעסֶער וֶוערְן. וַוייל וִוי מֶער אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ דִי אֱמוּנָה; עֶר וֵוייסְט אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין, וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, וּבְתוֹךְ כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת בִּלְעָדָיו יִתְבָּרַךְ כְּלָל, דַאן לֶעבְּט עֶר אַ זִיסֶע לֶעבְּן.

מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט פַארְפַאסְט אַ נִגּוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער אַלְץ בָּחוּר וֶוען עֶר פְלֶעגְט גֵיין אִין וַואלְד רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר הָאט מוֹרָא גֶעהַאט צוּ זַיין אַלֵיינְס אִין וַואלְד, צוּלִיבּ דִי חַיּוֹת וְכוּ', הָאט עֶר זִיךְ אוּנְטֶער גֶעזִינְגֶען דִי וֶוערְטֶער: "מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין, וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, וּבְתוֹךְ כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת בִּלְעָדָיו יִתְבָּרַךְ כְּלָל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אֲלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם", עֶר הָאט דָאס גֶע'חַזֶר'ט אָן אַ שִׁיעוּר מָאל, בִּיז עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין שׁוּם פַּחַד פוּן קֵיינֶעם; פוּן דֶעם אִיז גֶעוָוארְן דִי שֵׁיינֶע נִגּוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער.

BreslevCenter.com\answers

אַז דוּ ווִילְט אַרוֹיס גֵיין פוּן דַיין דֶעפְּרֶעסְיֶע דַארְפְסְטוּ אוֹיפְזוּכְן דָאס גוּטְס אִין זִיךְ; דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ וֶועג פוּן טְרַאכְטְן, מֶען זָאל קוּקְן אוֹיף דִי נִסִּים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א׳, סִימָן קצה): דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעזוּכְט עֶפֶּעס גוּטְס אוֹיף וָואס עֶר קֶען דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אוֹיף אִים שְׁלֶעכְטְס הָאט עֶר גֶעזוּכְט אִין דִי שְׁלֶעכְטְס עֶפֶּעס גוּטְס. אַזוֹי ווִי דָוִד הַמֶּלֶךְ דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (תְּהִלִּים ד, ב): "בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִּי", רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ דַאנְק דִיר אוֹיף דֶעם וָואס אִין דִי צָרָה הָאסְטוּ מִיר בְּרֵייט גֶעמַאכְט.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶבֶ׳ער חָסִיד מִיטְן נָאמֶען ר׳ אַהֲרֹן קוֹבְּלִיטְשֶׁער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה (דֶער שְׁוֶוער פוּן הָרַב הֶחָסִיד רַבִּי לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה), דֶער ר׳ אַהֲרֹן אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ פְרֵיילִיכֶער אִיד, עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג אַרוּם גֶעגַאנְגֶען מִיט אַ שְׁמֵייכְל אֲפִילוּ עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ עָנִי וְאֶבְיוֹן אוּן עֶס אִיז מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעוֶוען וָואס אַרַיין צוּ נֶעמֶען אִין מוֹיל בַּיי אִים אִין שְׁטוּבּ. זַיין וַוייבּ פְלֶעגְט אִים כְּסֵדֶר פְרֶעגְן: "אַהֲרֹן, פַארְוָואס בִּיסְטוּ פְרֵיילִיךְ, מִיר הָאבְּן דָאךְ גָארְנִישְׁט?!" פְלֶעגְט עֶר אִיר שְׁטֶענְדִיג עֶנְטְפֶערְן: "דוּ גְלֵייבְּסְט דָאךְ עֶס וֶועט נָאךְ זַיין גוּט אַמָאל, נוּ, אִיךְ בָּארְג אוֹיס שִׂמְחָה פוּן דֶעמָאלְט אוֹיף יֶעצְט; יֶעצְט הָאבְּן מִיר טַאקֶע גָארְנִישְׁט, אָבֶּער עֶס וֶועט נָאךְ גוּט זַיין, אוּן דֶעמָאלְט וֶועלְן מִיר הָאבְּן מִיט וָואס זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן, דֶערְפַאר בָּארְג אִיךְ שׁוֹין אוֹיס אַבִּיסְל פוּן דִי שִׂמְחָה פוּן דֶעמָאלְט".

דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט עֶפֶענֶען דָאס מוֹיל צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז וַוייל דוּ טְרַאכְט נָאר פוּן דַיין שְׁלֶעכְטְס, אַז דוּ וֶועסְט אָנְהֵייבְּן זוּכְן דָאס גוּטְס אִין זִיךְ, דוּ וֶועסְט קוּקְן אוֹיף דִי חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט דִיר, אוֹיךְ אַז דוּ וֶועסְט גְלֵייבְּן אַז דוּ וֶועסְט אַרוֹיס גֵיין פוּן אַלֶע שְׁוֶועריקֵייטְן אוּן דוּ וֶועסְט וֶוערְן פְרֵיילִיךְ - דַאן וֶועסְטוּ שׁוֹין קֶענֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים אַלֶעס קֶענֶען דֶערְצֵיילְן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דִי זָאלְסְט קוּקְן אוֹיף דָאס גוּטְס אִין דַיין לֶעבְּן.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיַּקְהֵל, תשע"ט)



בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת אָדֶער נִישְׁט׳, דִי שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת קֶען מֶען נָאר בֵּייקוּמֶען אוֹיבּ מֶען גֵייט מִיט תְּמִימוּת אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת, אִיךְ גְלֵייבּ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, אוּן אִיךְ טוּ וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט.

אִין גֶעווִיסֶע פְלֶעצֶער הָאט מֶען פֶּסַח אוּן בַּיי אַנְדֶערֶע מִצְוֹת אַרַיינְגֶעלֵייגְט קָאפּ אוּן מֹחַ בְּעִיקָר אִינֶעם ׳דִקְדּוּק הַמִּצְוֹת׳, ווִי מֶען קֶען מַאכְן דִי מִצְוָה מֶער אוֹיסְגֶעהַאלְטְן אוּן מֶער אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, אָבֶּער בַּיי דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים אִיז גֶעוֶוען דֶער עִיקָר דִי ׳שִׂמְחָה׳ פוּן דִי מִצְוָה, דִי ׳לֶעבְּן׳ פוּן דִי מִצְוָה. אַ אִיד דַארְף זִיךְ מְחַיֶּה זַיין מִיט דִי מִצְוֹת וָואס עֶר טוּט; וֶוען מֶען קוּמְט אִינְדֶערְפְרִי אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען, מֶען טוּט אָן תְּפִילִין, גֶעבּ אַ טְרַאכְט: פַארְוָואס קוּם אִיךְ אִין שׁוּל? פַארְוָואס טוּ אִיךְ אָן תְּפִילִין? וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַזוֹי גֶעהֵייסְן! פַארְוָואס טוּ אִיךְ אָן צִיצִית? וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַזוֹי גֶעהֵייסְן! פַארְוָואס הִיט אִיךְ שַׁבָּת? וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַזוֹי גֶעהֵייסְן! אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט: "וֶוען מֶען הַאלְט אַ מַצָּה אִין הַאנְט הַאלְט מֶען כִּבְיָכוֹל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וַוייל וֶוער הָאט גֶעהֵייסְן עֶסְן מַצָּה? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיז עֶס אַזוֹי ווִי מֶען הַאלְט אִים אַלֵיינְס".

דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע חָכְמָה, נָאכְדֶעם וָואס מֶען אִיז שׁוֹין זוֹכֶה צוּ פַארְשְׁטֵיין אַלֶעס, דִינְט מֶען וַוייטֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פָּשׁוּט אוּן מֶען אִיז זִיךְ מְחַיֶּה מִיט יֶעדֶע מִצְוָה וָואס מֶען טוּט.

(אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל, וַיַּקְהֵל תשפ"ב)

**נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳**

# הערליכע נייע חינוך קונטרס פון ראש ישיבה שליט"א

ווי שוין באריכטעט געבן אנשי שלומינו אין ארץ ישראל ארויס יעדע וואך די אויפגעכאפטע גליונות "שיעורי חינוך", וואס ווערט צושפרייט אין גאנצע אידיש וועלט. יעצט איז מען ארויף "נעקסט לעוול", ווען מען האט באשלאסן אז מען וועט מאכן דערפון קונטרסים מען זאל קענען לערנען א גאנצע שיעור פון ראש ישיבה אויף איינמאל.

פון יעדע עטליכע וואכן פון די גליונות ווערט געענדיגט א גאנצע שיעור, וואס פון דעם וועט מען עס בעז"ה איבערארבעטן פאר א קונטרס, מיט וואס די אידישע וועלט וועט זיך מחי׳ זיין דערמיט.

יעצט איז ב"ה ארויס די ערשטע קונטרס, דער ראש ישיבה שליט"א האט עס איבערגעקוקט און שטארק מפליג געווען. מיטן אויבערשטענ׳ס הילף וועט מען מאכן א קונטרס פון אלע אנדערע שיעורים אין חינוך, א נושא וואס יעדער מחנך זוכט מיט לעכט. אין די היינטיגע שווערע וועלט ווייסט מען נישט ווי זיך אהין צו טון, וויאזוי געבט מען זיך אן עצה.

דער ראש ישיבה שליט"א האט לעצטנס פארציילט אז ער האט געהערט פון עטליכע היימישע קאר סערוויס דרייווערס אז רוב פון זייערע טריפס וואס זיי מאכן, כמעט נייציג פראצענט, איז צו טראגן קינדער פון חדר און סקול צום טעראפיסט, און צוריק צום חדר און סקול.

דער קונטרס און די קומענדיגע וועלן געבן פאר די מלמדים און טיטשערס די וועג פראקטיש און תורה׳דיג וויאזוי מען געבט אריין אין קינדער סעלף קאנפידענץ, וויאזוי מען לערנט זיי אויס נישט צו בוליען און זיך נישט לאזן בוליען, וויאזוי זיי אנצוגרייטן קעגן אלע סארטן אביוזערס וואס מאכט זיך לײדער, וויאזוי זיי זאלן ליב האבן אידישקייט און תורה ומצוות. די מחנכים וועלן אנהייבן שפירן א טעם אין זייער ארבעט, זיי וועלן זיך אויסלערנען ווען יא צו זאגן און ווען נישט, אזוי אויך וויפיל און וויאזוי צו זאגן, וויאזוי צו רעדן צו קינדער פון אמונה, פון קדושה, און אזוי ווייטער.

ווער עס וויל האבן א חלק און נעמען די הוצאות פון א קונטרס אדער א חלק קען זיך ווענדן צום גבאי פון קרן הדפסה מו"ה לייבי ראטה הי"ו 347-578-4449. דער ערשטער קונטרס מיטן נאמען "יסודות אין חינוך" וועט בקרוב זיין צו באקומען ביי די מפיצים.

**יפוצו מעיינותך חוצה!**


## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **אברהם נחום ליבערמאן** הי"ו ירושלים
צום שידוך שליסן פון זיין טאכטער למזל טוב עב"ג

מו"ה **אשר בער אינדורסקי** הי"ו קרית ברסלב
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

מו"ה **ישראל דוד ברוקמאן** הי"ו בני ברק
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

מו"ה **יואל לעווי** הי"ו בני ברק
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

## פורים אפטיילונג

**מגילת אסתר פארגעלערנט, שיעורים אויף פורים, מעשיות פאר קינדער, זיך אויסלערנען ליינען די מגילה, פורים׳דיגס, און נאך**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 1, 9, 5**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי׳ס, USB׳ס, SD׳ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**718-387-2691**

און מיר וועלן אי"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך**
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363 / קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380